**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/22/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול, מעיאר אדאמס און NYC קאמפטראלער לאנדער מעלדן 500 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג צו בויען און אנהאלטן צוגענגליכע וואוינונגען אין ניו יארק סיטי**

***די אפמאך באשטימט געלט פון די בעטערי פארק סיטי אטאריטעט'ס פאראייניגטע צוועק קאסע צו ווערן אויסגעגעבן פאר צוגענגליכע וואוינונג***

***דאס בויט זיך אויף די פארפליכטונג צו אדרעסירן ניו יארק'ס וואוינונגס קריזיס דורך פארמערן וואוינונגען צאל ציט מער זיכערע, מער צוגענגליכע, קוואליטעטפולע הייזער, פארמינערנדיג וואוינונגס קאסטן דורכאויס די סטעיט***

גאווארנער קעטי האקול, מעיארק עריק אדאמס און ניו יארק סיטי קאמפטראלער בראד לאנדער האבן היינט געמאלדן א 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג פון די בעטערי פארק סיטי אטאריטעט'ס פאראייניגטע צוועק קאסע (Battery Park City Authority’s (BPCA) Joint Purpose Fund) צו בויען און אנהאלטן צוגענגליכע וואוינונגען דורכאויס ניו יארק סיטי. דורך א אפמאך צווישן די BPCA, די מעיאר און די קאמפטראלער, וועט די BPCA אויסצאלן 500 מיליאן דאלאר אין איבעריגע אפערירנדע קאסעס צו ניו יארק סיטי'ס צוגענגליכע וואוינונג אקסעלערעיטער קאסע ( New York City’s Affordable Housing Accelerator Fund) פאר די צוועק פון בויען צוגענגליכע וואוינונגען.
די אפמאך בויט זיך אויף פארפליכטיגונגען דורך גאווארנער האקול, מעיאר אדאמס און קאמפטראלער לאנדער צו אדרעסירן די וואוינונגס קריזיס, בויען מער פארזיכערטע, מער סטאבילע און מער צוגענגליכע הייזער, און פארמינערן וואוינונגס קאסטן פאר ניו יארקערס.

"ווען עס קומט צו בויען די צוגענגליכע הייזער וואס קומט זיך פאר ניו יארקערס, לאזט מיין אדמיניסטראציע נישט איבער איין שטיין נישט איבערגעדרייט," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "די אפמאך וועט נעמען די איבעריגע געלט פון די בעטערי פארק סיטי אטאריטעט און עס מאכן אין א מאסיווע מיליאן דאלאר אינוועסטירונג צו העלפן ניו יארק סיטי פארווירקליכן איר וואוינונגס פאטענציאל. פון אונזער לענדמארק בודזשעט אפמאך צו באהאנדלען די וואוינונגס קריזיס צו טראנספארמאצטיווע אינוועסטירונגען וואס מאכן וואוינונגען זיך בויען, ארבעט איך ווייטער מיט פארטנערס אזויווי די BPCA, מעיאר אדאמס און קאמפטראלער לאנדער און קעמפף ווייטער פאר א מער צוגענגליכע און מער מעגליך צו וואוינען ניו יארק."

די BPCA איז א ניו יארק סטעיט פובליק בענעפיט קארפאראציע וואס איז באאויפטראגט מיט אפערירן, אנהאלטן און פארבעסערן בעטערי פארק סיטי, א 92-עיקער געמיינדע פון רעזידענשל, קאמערציאלע, ריטעיל און אפענע שטחים אין לאוער מאנהעטן. ווען בעטער פארק סיטי האט זיך אנטוויקלט, איז די BPCA אריין אין א לאנ-טערמיניגע באדן ליעסעס מיט דעוועלאפערס, ברענגענדיג ליעס פארדינסטן פון קאמערציאלע און רעזידענשל געביידעס וואס סערווירן אלס די הויפט קוואל פון די פינאנצירונג פאר די צוגענגליכע וואוינונגס פארפליכטיגונג.

די היינטיגע פאראייניגטע צוועק קאסע אפמאך קומט נאך די פאריגע אפמאך פאר די אויסצאלונג פון די BPCA'ס איבעריגע אפעררינדע פארדינסטן, וועלכע האט זייט 2010 צוגעגעבן 461 מיליאן דאלאר אין געוווידמעטע פינאנצירונג פאר צוגענגליכע וואוינונגען דורכאויס די פינף באראוס און געהאלפן בויען אדער פרעזערווירן איבער 10,000 יוניטס פון צוגענגליכע וואוינונגען.

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק אדאמס האט געזאגט,** "אויפצולעזן א גענעראציאנאלע וואוינונג און צוגעגנגליכקייט קריזיס, האט יעדע סעקטאר א ראלע צוצושטעלן פארלייכטערונג צו די ארבעטנדע-קלאס ניו יארקערס. די היינטיגע מעלדונג ברענגט אונז איין שטאפל נענטער צוצושטעלן די פארלייכטערונג. אונזער אדמיניסטראציע און אונזערע פארטנערס זענען פאראייניגט דורך א געמיינזאמע סיבה: בויען מער צוגענגליכע וואוינונגען. די איינציגסטע וועג אויפצולעזן די דאפלטע קריזיס איז פשוט צו בויען מער, און מיט די 500 מיליאן דאלאר פארפליכטיגונג, קומען מיר צוזאמען צו נוצן אונזערע דאלארס צו מאכן א טויש און בעסער שטיצן ארבעטנדע-קלאס ניו יארקערס."

**ניו יארק סיטי קאמפטראלער בראד לאנדער האט געזאגט,** "פינאנצירן די פראדוקציע פון צוגענגליכע וואוינונגען בלייבט די סיטי'ס מערסט קראפטיגע געצייג צו באקעמפן די סיטי'ס וואוינגס צוגענגליכקייט קריזיס. די לענדמארק 500 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג וועט העלפן פארזיכערן אז ניו יארק סיטי און סטעיט האבן די מיטלען וואס מיר דארפן צו עפעקטיוו צושטעלן פארזיכערטע און צוגענגליכע וואוינגען פאר ניו יארקערס."

**BPCA באורד טשעיר דאן קאפאטשיא האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ אז אלס א רעזולטאט פון די שטארקע פינאנציעלע פארוואלטונג פון בעטערי פארק סיטי זענען מיר אין א צושטאנד זיך צוריק איבערצוגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס צוגענגליכע וואוינונגס שוועריקייטן. איך וויל באדאנקען די גאווארנער, מעיאר און קאמפטראלער פאר זייער פארטנערשאפט אין די אנשטרענגונג און פארן פארזיכערן אז די געלט וועט אינגאנצן גיין צו בויען און פרעזערווירן צוגענגליכע וואוינונגען."

**BPCA פרעזידענט און CEO ראיא מאנן האט געזאגט,** "בעטערי פארק סיטי אטאריטע האט א פאראנגענהייט פון פינאנצירן צוגענגליכע וואוינונגען דורכאויס ניו יארק, און מיר זענען פרייליך היינט צו בויען אויף די פאראנגענהייט. מיר שטייען קעגן א וואוינונגס קריזיס און די 500 מיליאן דאלאר וועט העלפן שאפן סטאבילע צוגענגליכע וואוינונגען פאר טויזנטער ניו יארקערס."

BPCA באזיצט די 92 עיקער וואס שטעלן צאם די געגנט, מיט אלע דריטע-פארטיי באזיצטע געביידעס אין בעטערי פארק סיטי אויף באדן סוב-ליעסעס צו די אטאריטעט. די BPCA פינאנצירונג סטרוקטור האט, פון איר אנהייב, געשטיצט סיי די בעטערי פארק סיטי געגנט - פינאנצירנדיג אונטערהאלטונג פון אפענע שטחים, געגנט פארשענערונגען און פראגראמירן, און שטיצן שולד סערוויס געניצט צו פינאנצירן טיילן פון BPCA'ס קאפיטאל פראיעקטן - און די סיטי און ניו יארק - צוגעבנדיג סיי צו איר אלגעמיינע קאסע און צו צוגענגליכע וואוינונג איניציאטיוון דורכאויס די שטאט.

BPCA נעמט צאם פארדינסטן פון די באדן סוב-ליעסעס אין די פארעם פון באדן רענט, צאלונגען אין פלאץ פון שטייער (Payments in lieu of Taxes, PILOT), און אנדערע צאלונגען. די פארדינסטן פינאנצין ערשט BPCA'ס אפערירנדע אויסגאבן און שולד סערוויס, מיט די מערהייט פון איבערגעבליבענע געלטער, באוואוסט אלס "איבעריגע פארדינסטן" ("excess revenues"), יערליך אויסגעטיילט צו די שטאט. די טייל פארבינדן מיט PILOT (ארום 80 פראצענט פון BPCA'ס איבעריגע פארדינסטן) גייט צו די ניו יארק סיטי אלגעמיינע קאסע און די טייל פארבינדן מיט באדן רענט איז צוגעטיילט צו א פאראייניגטע צוועק קאסע, די באנוץ דערפון איז באשלאסן נאר דורך די מעיאר, ניו יארק קאמפטראלער און BPCAץ אין די וועג, האט BPCA געשפילט א דירעקטע ראלע אין אונטערשטיצן דאס

בויען פון צוגענגליכע וואוינונגען אין בעטערי פארק סיטי, ווי אויך צוגעגעבן געלט צו ניו יארק סיטי'ס צוגענגליכע וואוינונג פראגראמען, פאר צענדליגע יארן.

**ניו יארק סטעיט הייזער און געמיינדע באנייאונג (New York State Homes and Community Renewal) קאמישענער רוטאנא וויסנאוסקאס האט געזאגט,** "די 500 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין צוגענגליכע וואוינונגען איז א ריכטיגע באוויז צו די מיטארבעט צווישן אונזער רעגירונג פארטנערס. אינוועסטירונגען אזויווי דעם געבט צו צו געווארנער האקול'ס וואוינונג פלאן וואס פריאריטיזירט צו פארמערן אונזער וואוינונג צאל און מאכן ניו יארק א מער צוגענגליכע פלאץ צו וואוינען. מיר קוקן ארויס צו ווייטער ארבעטן מיט מעיאר אדאמס, קאמפטראלער און די BPCA ווען מיר באהאנדלען די וואוינונגס קריזיס."

**ניו יארק סיטי דעפיוטי מעיאר פאר וואוינונגען, עקאנאמישע אנטוויקלונג און ארבעטקראפט מאריא טארעס-ספרינגען האט געזאגט,** "אונזער אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן צו לעזן אונזער וואוינונג קריזיס דורך בויען צוזאמען מיט פארטנערס דורכאויס די רעגירונג. די היסטארישע אינוועסטירונג מיט אונזער אדמיניסטראציע, גאווארנער האקול, קאמפטראלער לאנדער, און די בעטערי פארק סיטי אטאריטעט טרעפן די מאמענט, שטעלן צו צוגענגליכע וואוינונגען פאר ניו יארקערס, און ברענגען פאראויס אונזער ציל פון 500,000 נייע הייזער פאר ניו יארקערס ביי 2032."

**ניו יארק סיטי האוזינג דעוועלאפמענט קארפארעישן (New York City Housing Development Corporation) פרעזידענט עריק ענדערלין האט געזאגט,** "אין די צייט וואס ניו יארק סיטי וואוינונגס קריזיס ווערט טיפער און די קאסטן צו בויען נייע צוגענגליכע הייזער וואקסט ווייטער, שעצן מיר די אנשטרענגונגען פון אונזער סיטי און סטעיט פירערס צו פארזיכערן נייע און אינאוואטיווע פינאנצירונג קוועלער וויכטיג צו פארמערן אונזער וואוינונגס סופליי. מיר קוקן ארויס צו צוזאמענארבעטן מיט אונזערע פארטנערס צו באאיינפלוסן די וויכטיגע פינאנצירונג און צושטעלן מער וואוינונגען פאר ניו יארקערס."

**ניו יארק סיטי אפטיילונג פאר וואוינונגס פרעזערוואציע און אנטוויקלונג (New York City Department for Housing Preservation and Development) קאמישענער אדאלפא קאריאן דזשוניאר האט געזאגט,** "די פיל-יאריגע 500 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין צוגענגליכע וואוינונגען איז א אפמאך וואס וועט טון מער ווי בויען שטיין-און-ציגל געביידעס, עס וועט טוישן לעבנס און שאפן נייע צוקונפטן פאר איינצלנע און פאמיליעס וואסווארטן פאר פארזיכערטע, צוגענגליכע וואוינונגען. היינט, אין צוזאמענארבעט מיט סיטי און סטעיט פירערס, געבן מיר זיך צוריק איבער און פארגרעסערן די פארטנערשאפט צו צוזאמען טון אלעס וואס מיר קענען צו באהאנדלען י וואוינונגס קריזיס. ווען מ'באטראכט עס נעבן לעצטיגע פארזיכערטע סטעיט געזעצגעבנדע געצייג, א באדייטנדע סיטי אינוועסטירונג אין וואוינונג פינאנצירונג פון די אדאפטירטע בודזשעט, און די מעגליכקייט פון א איינמאל-אין-א- גענעראציעזאונינג טוישונגען צו פארשנעלערן בוי-ארבעט און סופליי, האבן מיר א מאפע וואס לייגט אונז אין די ריכטונג וואס מיר דארפן צו שאפן די וואוינונגס צוטריט וואס קומט זיך אונז."

**ניו יארק סיטי עקזעקיוטיוו דירעקטאר פאר וואוינונג לעילא באזארג האט געזאגט,** "בויען און פרעזערווירן מער צוגענגליכע הייזער איז א שטארקע פריאריטעט אין די צייט פון אונזער אנגייענדע וואוינונגס קריזיס. איך שטרעק אויס מיין אויפריכטיגע אנערקענונג צו מעיאר אדאמס פאר זיין קלארע-אויסזיכט פירערשאפט צו אינוועסטירן אין וואוינונגען, און צו גאווארנער האקול, קאמפטראלער לענדער, און די בעטערי פארק סיטי אטאריטעט פאר די וויכטיגע פארטנערשאפט וואס צילן צו פארמערן צוגענגליכע וואוינונגס אפציעס אין אונזער שטאט."

**סטעיט סענאט מעידזשאריטי פירער אנדרעא סטעווארט-קוזינס האט געזאגט,** "וואוינונגען איז אן קיין צווייפל די וויכטיגסטע פון די געזעצגעבנדע סעסיע, און מיר האבן געארבעט איבערמידליך צו פארזיכערן

אז יעדע ניו יארקערס האט צוטריט צו פארזיכערטע, צוגענגליכע וואוינונג. די יארן פון פארלאנגזאמונג אין די אויפבוי פון נייע צוגענגליכע וואוינונגען אין ניו יארק סטעיט איז געקומען צו אן ענדע. די 500 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג וועט ווייטער פירן אונזער אנגייענדע פארפליכטיגונג צו פארשטערקערן אונזער וואוינונגס סופליי און ווידעראויפלעבן אונזער עקזיסטירנדע צאל וואוינונגען. אלס מעידזשאריטי פירער, בין איך שטאלץ צו שטיצן איניציאטיוון וואס פריאריטיריזין צוגענגליכע וואוינונגען, פארזיכערנדיג אז אלע ניו יארקערס האבן א פלאץ צו רופן זייער היים. איך וויל באדאנקען גאווארנער האקול, מעיאר אדאמס, און NYC קאמפטראלער לאנדער פאר זייער פארטנערשאפט און ארבעט צו פארזיכערן די וויכטיגע אינוועסטירונג."

**סטעיט סענאטאר בריאן קאוואנאג האט געזאגט,** "די צוגאב פון 500 מיליאן דאלאר פירט ווייטער א וויכטיגע לאנג-טערמינגע פארפליכטונג פון די סטעיט, די סיטי, און די בעטערי פארק סיטי אטאריטעט צו שטיצן אונזערע אנשטרענגונגען צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקערס האבן צוטירט צו פארזיכערטע, צוגענגליכע און לאנגאנהאלטנדיגע וואוינונגען. איך דאנק גאווארנער האקול, מעיאר אדאמס, קאמפטראלער לאנדער און BPCA דירעקטאר ראיו מאנן פאר זייער פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט צו אדרעסירן די וואוינונגס קריזיס. איך קוק ארויס ווייטער צו ארבעטן מיט זיי, מיט אונזערע מיטארבעטער אין אלע שטאפלען פון די רעגירונג, און אונזערע געמיינדעס צו העלפן פארזיכערן אז די פינאנצירונג האט די גרעסטע מעגליכע איינפלוס, און ספעציעל צו אידענטיפיצירן געלעגנהייטן צו פארמערן צוגענגליכקייט אין לאוער מאהעטן."

**אסעמבלימעמבער טשארלס ד. פאלל האט געזאגט,** "איך בין שטארק צופרידן צו זען די באדייטנדע 500 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין צוגענגליכע וואוינונגען געמאלדן דורך גאווארנער האקול, מעיאר אדאמס און קאמפטראלער לאנדער. דאס איז א וויכטיגע שריט אין באהאנדלען די וואוינונגס קריזיס און פארזיכערן אז ניו יארקערס קענען באקומען סטאבילע, צוגענגליכע הייזער. די באשלוס צו באשטימען געלטער פון די בעטערי פארק סיטי אטאריטעט'ס פאראיייניגטע צוועק קאסע באצייכנט א שטארקע איבערגעגעבנקייט צו באיינפלוסן מעגליכע מיטלען פאר די פובליק בענעפיט. מיר ווייסן אס צוגענגליכע וואוינונג איז א דערדריקנדע זארג אין אונזער שטאט, און די אינוועסטירונג וועט שטארק פארלייכטערן די לאסט אויף פיל פאמיליעס וואס פלאגן זיך מיט פינאנציעלע שוועריקייטן. איך בין באזונדער צופרידן אז די איניציאטיוו וועט שטיצן 5 ווארד טרעיד צענטער (World Trade Center) און די ארומיגע דיסטריקט, געגנטער וואס האבן שוין לאנג געדארפט צוגענגליכע וואוינונגס לעזונגען. איך קוק ארויס צו זען די פאזיטיווע ווירקונג וואס די פינאנצירונג וועט האבן אויף אונזערע געמיינדעס און איינוואוינער."

**אסעמבלימעמבער לינדא ב. ראזענטאל האט געזאגט,** "ווען א טאפ פון 500 מיליאן דאלאר ווערט ארויסגעלאזט צו גיין צו בויען און פרעזערווירן צוגענגליכע וואוינונגען אין ניו יארק יסטי איז עס א גינסטיגע מאמענט און א צייט צו אפלאדירן און אנהייבן פלאנירן. ווען די פינאנצירונג איז געגעבן אין די צייט פון א צוגענגליכע וואוינונגס קריזיס, איז עס א צייט צו טשעירן און ווערן מער האפענונגספול איבער אניאגן די פארצווייפלטע געברויך פאר צוגענגליכע וואוינונגען., האט אסעמבלימעמבער לינדא ראזענטאל, טשיער פון די אסעמבלי וואוינונגס קאמיטע געזאגט. איך בין דאנקבאר אז גאווארנער האקול, די מעיאר און די קאמפטראלער האבן באשטימט די פינאנצירונג אין די בעטערי פארק סיטי אטאריטעט פאראייניגטע צוועק קאסע פאר אזא נוצליכע צוועק, און קוק ארויס צו זען נייע זיכערע, פארזיכערטע און צוגענגליכע יוניטס ארויפקומען אין אלע געגנטער פון די שטאט."

**מאנהעטן באראו פרעזידענט מארק לעווין האט געזאגט,** "יעדע דאלאר וואס מיר קענען געבן פאר צוגענגליכע וואוינונגען וועט ברענגען צו א מער מעגליך-צו-וואוינען ניו יארק. די היינטיגע מעלדונג צייכנט אפ א טראנספארמאטיווע אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס צאל וואוינונגען. באהאנדלען די סיטי'ס צוגענגליכע וואוינונגס קריזיס דארף שעפערישע לעזונגען, און איך בין דאנקבאר צו די BPCA, גאווארנער האקול, מעיאר אדאמס, און קאמפטראלער לאנדער פאר זייער פירערשאפט אויף דעם."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מעמבער קריסטאפער מארט האט געזאגט,** "מיר זענען צופרידן מיט די פירערשאפט פון גאווארנער האקול און קאמפטראלער לאנדער פארן ערמעגליכן די פאליסי אויף וואס די געמיינדע האט שוין לאנג געבעבן. בעטערי פארק סיטי אטאריטע ברענגט אסאך פארדינסטן, מערסטנס פון אירע איינוואוינער, וואס האבן געבעטן אז זייער בייטראגע זאלן גיין צו א באדייטנדע פלאץ - נישט נאר די אלגעמיינע קאסע פון די שטאט. NYC שטייט קעגן א צוגענגליכקייט קריזיס, און די איבעריגע פינאנצירונג און מאסיווע אינוועסטירונג קען גיין א לאנגע וועג צו טרעפן די דרינגנדע געברויך פון ניו יארקערס וואס שטייען אויס אלס-וואקסנדע רענט. מיר זענען פול מיט האפענונג אז א טייל פון די צוגענגליכע וואוינונגען קענען געבויט ווערן אין בעטערי פארק סיטי אליין, אין די צייט וואס די געגנט וואקסט און בליט ווייטער."

**טשעיר און מאנהעטן געמיינדע באורד 1 טאמי מעלצער האט געזאגט,** "בויען א סאציא-עקאנאמישע פארשידנארטיגע וואוינונגען אין יעדע געגנט איז א וויכטיגע טייל צו פארזיכערן די שטאנדהאפטיגקייט פון ניו יארק סיטי און אירע אלע געמיינדעס. מיר זענען צופרידן אז אלע איוסצאלונגען פון BPCA'ס איבעריגע אפערירנדע פארדינסטן וועלן זיין איבערגעגעבן צו פינאנצירן צוגענגליכע וואוינונגען. CB1 קוקט ארויס צו צוזאמענארבעטן מיט אונזער דערוועלטע פירערשאפט צו אינדעטיפיצירן וועגן צוריקצושטעלן צוגענגליכקייט אין געגנטער וואס האבן פארלוירן טויזנטער אין צוגענגליכע וואוינונגס יוניטס, אזוויי לאוער מאנהעטן און האפט אז די געלטער פארלייכטערן וואוינונגס סטאבילקייט פאר ניו יארקערס וואס ווילן ארבעטן און וואוינען דא."

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**
גאווארנער האקול בלייבט איבערגעגעבן צו פארמערן די סופליי פון זיכערע, סאבילע און צוגענגליכע וואוינונגען דורכאויס ניו יארק און פארמינערן וואוינונגס קאסטן פאר אלע ניו יארקערס. אלס טייל פון די פיסקאלע יאר 2025 אקטיווע בודזשעט, האט גאווארנער האקול געקעמפט צו פארזיכערן א לאנדמארק וואוינונגס סופליי דורך אינסענטיווירן נייע וואוינונגס בויארבעט, ארייננרעכענעדיג צוגענגליכע רענטל וואוינונג און היים אייגנטומערשאפט געלעגנהייטן, אין ניו יארק סיטי; פארברייטערן די בויארבעט דעדליין פאר פראיעקטן אין די יעצט-אפגעלאפענע 421-a אינסענטיוו פראגראם; מוטיגן צוגענגליכקייט אין קאמערציעלע צו רעזידענשל איפטוישונגען אין ניו יארק סיטי; באפולמאכטיגן ניו יארק סיטי צו אוועקנעמען אפגעלאפענע אפהאלטונגען אויף רעזידענשל קאנצענטראציעאין ניו יארק סיטי; און שאפן א וועג צו ליגעלייזן עקזיסטירנדע בעיסמענט און קעלער אפארטמענטס אין פארשידענע געגנטער פון ניו יארק סיטי.

דערצו, אלס טייל פון די פיסקאלע יאר 2023 אקטיווע בודזשעט, האט די גאווערנער געמאלדן א פינף-יאר, 25 ביליאן דאלאר וואוינונגס פלאן, צו בויען און פרעזערווירן 100,000 צוגענגליכע היימען דורכאויס די סטעיט. מער ווי 40,000 היימען זענען געבויט געווארן אדער אפגעהיטן געווארן ביז יעצט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן